Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראָשען — היינט 16 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 123	Łódź, Piątek 29 maja 1931 r.	ניינטער יאהרגאנג	לאדז, פרייטאג י"ג סיון תרצ"א	№ 123

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

ענדגילטיגער רעזולטאט פון די קהלה-וואהלען אין לאדז

בלויז די אגודה-מיטגלידער האבען געצעהלט די שטימען

גרויסע אויפרעגונג געגען די וואהל - מאכינאציעס

די ידיעה וועגען דעם שאַרפען פּראָטעסט פוּן די ציוניסטען, פּאָלקיסטען, מזרחי, האַנדווערקער און אונפּאַרטייאיש־רעליגיעזע געגען דעם אופן פון אַדורכפיהרען די וואַהלען האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אויף די יודישע וועהלער אין לאָדז. דער רושם איז נאָך שטאַרקער געוואָרען צוליב דעם, וואָס די דערמאָהנטע ריכטונגען זענען אַרויס־געטרעטען פון דער הויפּט־וואַהל־קאָמיסיע. אומעטום האָט מען נאָר גערעדט וועגען די וואַהלען און מיט שפּאַנונג האָט מען געוואַרט אויפ'ן אויס־גאַנג פון דעם אינצידענט.

ווי בעקאַנט האָט דער פאַרזיצער פון דער וואַהל־קאָמיסיע נאָך דער אָפּגעגעבענער ערקלע־רונג געשלאָסען די זיצונג פון דער וואַהל־קאָמיסיע, כדי זיך צו בעטראַכטען, וואָס ווייטער צו טון.

נעכטען אינדערפריה האָט דער וואַהל־קאָמי־סאַר זיך געווענדעט צום סטאַראָסטא וועגען דעם ענין און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען פאָרטצוזעצען די צעהלונג פון די שטימען.

לויט דעם וואַהל־רעגולאַמין זענען גענוג צום צעהלען די שטימען 6 מיטגלידער פון דער קאָ־מיסיע, צוליב דעם האָט דער פאָרזיצער ה' מינצ־בערג גערופען אַ זיצונג פון דער וואַהל־קאָמיסיע אויף 11 אַ זייגער פאַרמיטאָג איינלאַדונגען צו דער זיצונג זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען צו אַהן אויסנאַהם מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. צו דער זיצונג זענען אָבער געקומען נאָר די מיט־גלידער פון דער קאָמיסיע, וואָס געהערען צו דער „אַגודה" און איהרע פערבינדעטע ליסטעס. דאַגעגען די אַלע, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען דעם עהערגעכטיגען פּראָטעסט זענען צו דער זי־צונג נישט געקומען.

די צעהלונג האָט זיך אָנגעהויבען, אין דער געגענוואַרט פון 8 קאָמיסיע־מיטגלידער, 12 אַ זייגער בייטאָג און האָט זיך פערצויגען ביז 8 פאַרנאַכט. צו דער שעה זענען בעקאַנט געוואָרען די ענטגילטיגע רעזולטאַטען פון די וואַהלען צו דער לאָדזער קהלה.

ענטגילטיגע צאהל שטימען

ליסטע נומער 2 (יודען פון אַלטשטאָט) 376 שטימען 0 מאַנדאַט.

ליסטע 6 (פאָלקס־פאַרטיי) 432 שטימען, — 1 מאַנדאַט.

ליסטע 7 (פאָלקיסטישע האַנדווערקער) 397 שטימען — 0 מאַנדאַט.

ליסטע 8 (פאָלקיסטישע קליינהענדלער) 426 שטימען — 1 מאַנדאַט.

ליסטע 10 (אונפּאַרטייאיש־ווירטשאַפטליכער־בלאָק) 597 שטימען — 1 מאַנדאַט.

ליסטע 12 (ציוניסטען) 2.293 שטימען, — 4 מאַנדאַטען.

ליסטע 13 (פּאַביאַניצער חסידים) 708 שטי־מען, — 1 מאַנדאַט.

ליסטע 15 („התאַחדות") 190 שטימען, — 0 מאַנדאַט.

ליסטע 16 (רעליגיעז־נאַציאָנאַלער בלאָק), 559 שטימען 1 מאַנדאַט.

ליסטע 17 (האַנדווערקער, פּאָלודניאָווא 4), 486 שטימען, — 0 מאַנדאַט.

ליסטע 18 („אַגודה"), 5.549 שטימען, — 12 מאַנדאַטען.

ליסטע 19 („אַגודה", גייערס מאַרק), 362 שטימען, — 0 מאַנדאַט.

ליסטע 24 („פּועלי אגודת ישראל") 851 שטימען — 1 מאַנדאַט.

ליסטע 25 (ציוניסטען, גייערס מאַרק), 184 שטימען, — 0 מאַנדאַט.

ליסטע 26 (סטריקאָווער חסידים), 471 שטי־מען — 1 מאַנדאַט.

ליסטע 27 (אַלעקסאַנדרער פון באַלוט), 158 שטימען — 0 מאַנדאַטען.

ליסטע 28 („אַגודה" פון באַלוט), 155 שטי־מען — 0 מאַנדאַטען.

ליסטע 29 (אונפּאַרטייאיש־רעליגיעזע) 1195 שטימען — 2 מאַנדאַטען.

ליסטע 30 („דת עבודה"), 108 שטימען — 0 מאַנדאַטען.

אינגאַנצען גילטיגע שטימען זענען אָפּגעגע־בען געוואָרען 15.505 שטימען, וואָס בעטרעפט 57 פּראָצענט פון די וואַהל־בערעכטיגטע.

דער טיילער איז געווען 596.

געוועהלט זענען געוואָרען

פון דער ליסטע נומער 6 — אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן.

פון דער ליסטע נומער 8 — פּיאָטר כּאַרי.

פון דער ליסטע נומער 10 — יוליוש לעיר־שטיין.

פון דער ליסטע נומער 12 — ח. מ. רומקאָיר־סקי, אַל. יאָעל, משה לימאַן און סאַמועל פאוסט.

פון דער ליסטע נומער 13 — משה בענדעל.

פון דער ליסטע נומער 16 — שלמה בודזינער.

פון דער ליסטע נומער 18 — ל. מינצבערג, בונם לעווין, ישעיהו שוויאַטלאַווסקי, שלום ביאַ־לער, יעקב זיידענוואורם, משה צעדערבוים, דוד שטאהל, פישעל ליבערמאַן, לייזער פּליוואַצקי, אברהם קאַץ, הערש מרדכי ליבערמאַן און יוסף פאַרבשטיין.

פון דער ליסטע נומער 24 — דוד הערש זילבערשטיין.

פון דער ליסטע נומער 26 — מרדכי מענדעל זאָמערפעלד.

פון דער ליסטע 29 — שמחה אובערבוים, בנימין רוס.

היות, ווי די 12 דאָזאָרעס פון נומער 18, דער דאָזאָר פון נומער 24, דער דאזאר פון נומער 26 און דער דאזאר פון נומער 13 וועלען שטימען איינהייטליך, האָט די „אַגודה" איצט אַן־אַבסאָלוטע מעהרהייט אין קהלה־ראַט.

ס'איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, אַז די האַנד־ווערקער האָבען קיין איין מאַנדאַט נישט אַדורכ־געפיהרט: נישט די ציוניסטישע און נישט די פאָל־קיסטישע.

דער אויסגאנג פון די וואהלען

האָט אַרויסגערופען אַ צורודערונג ביי די אַלע ריכטונגען, אויסער דער „אַגודה" און די פּראָ־„אַגודה"־ליסטעס.

אומעטום זענען באַלד נעכטען אָפּגעהאַלטען געוואָרען בעראַטונגען, ווי אַזוי צו רעאַגירען אויף דעם דאָזיגען רעזולטאַט. קיין ענטגילטיגע בע־שלוסען זענען נאָך נישט אָנגענומען געוואָרען.

אינגיכען דאַרף דורך דער איצטיגער נאָמי־נירטער פערוואַלטונג גערופען ווערען ● זיצונג פון ניי־געוועהלטען ראַט, וועלכער דאַרף וועהלען אַ פּרעזידיום און דאַן אַ קהלה־פערוואַלטונג.

קופאן № 19

פון גרויסען

פרעמיען-קאנקורס

פון „נייעם פאלקסבלאט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין פרעמיען-קאנקורס איז גענוג

צו צושטעלען בלויז 30 קופאנען

נייער פרעמיער פריסטאר איבערגענומען זיין אמט

וואַרשאַ, 28 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט) נעכטען אַרום 11 אַ זייגער איז געקומען אין בנין פון מיניסטאָרען־ראַט דער פּ׳ עה־מיער פריסטאר און אָפּגעהאַלטען אַ לענגערע קאָנ־פערענץ מיט'ן געוו. פּרעמיער סלאַוועק, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען זיין אַמט.

דאָס געשפּרעך צווישען ביידע פּרעמיערען האָט געדויערט אַ לענגערע צייט.

באָכמיטאָג האָט דער נייער קאַבינעט גע־שוואוירען. ביי דער שבועה איז נישט געווען אָנ־וועזענד דער אויסערן־מיניסטער זאַלעסקי, וועלכער קומט ערשט מאָרגען צוריק פון פראַנקרייך.

נאָך דער שבועה האָט פּרעמיער פריסטאר אָפּגעגעבען אַ רייה אָפיציעלע וויזיטען, צווישען אַנדערע אויף די מאַרשאַלקעס פון סיים און סענאַט.

וואַרשאַ, 28 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). אין מיניסטעריום פאַר האַנדעל־און אינדוסטריע האָט דער געוועזענער האַנדעלס־מיניסטער פריסטאר זיך פייערליך געזעגענט מיט די בעאַמטע פון זעלבען מיניסטעריום.

מיטן באלאן פון פראפ. פיקארד

איז נישט געשעהן קיין קאטאסטראפע

איבסבורג, 28 (ספּ. טעל.) דאָ איז אָנגע־קומען די ידיעה, אַז פּראָפ. פּיקאַרד האָט זיך מיטוואָך 10 אָוועגד אַראָפּגעלאָזען מיט זיין באַלאַן צוזאַמען מיט זיין בעגלייטער. פּיקאַרד איז מודיע, אַז ער האָט דערגרייכט אַ הויכקייט פון 10.000 מעטער.

נאך 12 יאהר ארעסטירט דעם רוצח פון 7 דארפישע יודען

בודאַפּעשט, (יט"א) פון עפּעריקס (טשעכאָ־סלאָוואַקיי) ווערט מיטגעטיילט אַז אין דעם דאָרף גאָדזשיוויטעז אויף דער אונגאַריש־טשעכאָסלאָוואַ־קישער גרעניץ איז אַרעסטירט געוואָרען אַ געוו. עסטרייכישער לעגיאָנער מיט'ן נאָמען יאַראָסלאַוו האַראַק, וועלכער האָט אין 1919 ערמאָרדעט אין דעם דאָרף 7 יודען. דער רוצח איז ענטלאָפען קיין אַמעריקא, פונוואַנען ער איז איצט צוריקגעקומען, גלויבענדיג אַז די רציחה איז שוין פערגעסען גע־וואָרען. די פּראָקוראַטור האָט פעראָרדענט איהם אַרעסטירען און ער וועט אינגיכען געשטעלט ווע־רען פאַר'ן געריכט.

ארגענטינע נעמט צו בירגער-רעכטען פון די פרויען-הענדלער

בוענאָס איירעס, (יט"א) לויט אַ געריכטס־אורטייל וועלען אַרויסגעשיקט ווערען פון אַרגענ־טינע פיל פרויען־הענדלער, דער גרעסטער טייל פון די, וואָס וועלען אַרויסגעשיקט ווערען, שטאַ־מען פון פוילען, אַנדערע פון זיי זענען שוין אַר־גענטינער בירגער זייט דרייסיג יאָהר. עס ווערט ביי זיי צוגענומען די אַרגענטינער בירגערשאַפט. דער דאָזיגער אורטייל פון בוענאָס־איירעסער גע־ריכט שאַפט אַ פּרעצעדענס פאַר פיל אַנדערע פאַ־לען. די יודישע געזעלשאַפט אין אַרגענטינע האָט מיט צופרידענהייט אויפגענומען דעם אורטייל, מען האָפט אויף ווייטערדיגע רעפּרעסיעס געגען די „טמאים".

יאן פילסודסקי רעזיגנירט אלס וויצע-מארשאלעק פון סיים

וואַרשאַ, 28 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). דער וויצע־מאַרשאַלעק פון סיים יאַן פּילסודסקי האָט נעכטען איבערגעגעבען דעם סיים־מאַרשאַלעק אַ בריף, אַז ער רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס וויצע־מאַרשאַלעק.

דעקרעט וועגען פרייהייט פון אלע רעליגיעס אין שפאניען

מאַדריד, 28 (יט"א טעלעגראַפיש).

די שפּאַנישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט וועגען פרייהייט פון אַלע רעליגיעס.

אפגעלייגט די קאנפערענץ פאר קאלאניזירען יודישען מיטעל-שטאנד אין א"י

וואַרשאַ, 28 (יט"א טעלעפאָניש).

די קאָנפערענץ פאַר קאָלאָניזירען יודישען מי־טעלשטאַנד אין א"י, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען זונטאָג, איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף דאָנערשטאָג.

רעוויזיאניסטישער הויפט-ראט ווערט אנגעקלאגט אין קאנגרעס-געריכט

וואַרשאַ, 28 (יט"א טעלעפאָניש).

צוליב דעם סקאַנדאַל, וואָס איז אויסגעבראָ־כען אין וואַרשאַ אויף גרינבוימס רעפעראַט, האָט דער ציוניסטישער צ. ק. בעשלאָסען אָנצוקלאָגען אין קאָנגרעס־געריכט דעם רעוויזיאָניסטישען הויפּט ראַט.

פרדסים אויף ראטעס

גענעראל-פארשטייער פון „פאלעסטיין פלאנטיישן" אין ווארשא

וואַרשאַ, 28 (יט"א טעלעפאָניש).

אין וואַרשאַ ווײלט הייבט דער גענעראַל־פאָר־שטעהער פון מעלטשעטס געזעלשאַפט „פּאַלעסטיין פּלאַנטיישן", יהודה מאָזעס. די געזעלשאַפט האָט אַנ׳אויפגאַבע צו ערמעגליכען מענשען פון מיטעל־שטאַנד צו ערווערבען פּרדסים אין א"י אויף צו־טריטליכע בעדינגונגען, אויסגעצאָהלט אין 8 יאָהר.

ה' מאָזעס איז געקומען מיט'ן צוועק צו ווער־בירען אַזעלכע רעפלעקטאַנטען אין וואַרשאַ.

בעשלוס צו רעדוצירען די בעאמטען-פענסיעס ווערט אנגעקלאגט אין העכסטען טריבונאל

בעשלוס פון לאדזער שטאט-ראט

(—) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון לאָדזער שטאָט־ראַט איז אָנגענומען געוואָרען דער פאָר־שלאַג פון מאַגיסטראַט אָנצוקלאָגען אין העכסטען טריבונאַל דעם בעשלוס פון מיניסטעריום צו רע־דוצירען די פענסיעס פון די שטאָטישע בעאַמטע.

עס איז אויך אָנגענומען אַ פּרעלימינאַר־בוד־זשעט פאַר'ן קומענדיגען חודש.

העלענאוו | מארגען, שבת, דעם 30 מאי לטובת די באראכאוו=שולען | העלענאוו

2 צ ווייגער נאכמיטאג קומט פאר

אגרויסע גארטען=פערוויילונג

פאפולערער קאנצערט פון ס׳מפאנישען ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה׳ ס. פיעטרושינסקי.

טענץ=פראדוקציעס פון בעקאנטע היגע ארטיסטינס.

רייכע פאנטו-לאטעריע איבער 3000 ווערטפולע פאנטען

ראדיא-אפאראטען, א ראווער, 2 פאטאגראפישע אפאראטען, קאנארקעס, טויבען א. א.

רייכע אילומינאציע פון גארטען. פייערווערק! פייערווערק!

גרויסע קינדער=פערוויילונג

יעדעם קינד בעקומט א מתנה.

בעת דער קינדער-פערוויילונג און שפעטער אין צווייטען גארטען וועט אויפטרעטען דער „שטערן"=ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיר. באלאטני.

אנהויב 2 נאכמ בילעטען צום פרייז פון 1 זל., פאר קינדער און שילער 50 גר. צו בעקומען אין דער באַ אכאוו-ביבליאטעק זאכאדניא 63, אין ספארט-קלוב „שטערן" (מאניושקי 1), אין די פראפ. פעראייגען לאגעווניצקא 4, בזשעזשינער 5 און פעפער-גאס 15, ווי אויך אין גייער׳מ ראיאן פיעטריקאווער 292 פראנט-געוועלב פון מ. שפירא.

כשר | אכטונג, לעטניקעם! | כשר

פון מ. פאגעלמאן,

אויב איהר ווילט האבען מיטאגען ערשטקלאסיגע און געשמאקע קומט אין גוט-בעקאנטען רעסטאראן

10 ציגעל=גאס 10 (פריהער 42) טעל. 178-20

ווֹאס עמפפעהלט צו יעדער צייט כשרע מיטאגען פון 1.50 זל.

דער בופעט איז פערזעהען מיט די בעסטע קאלטע און ווארימע צובייסען און פערשידענע געטראנקען איני- און אויסלענדישע. נור אנשטאדט׳ט און פילזנער ביר. דער רעסטאראן איז אפען ביז 2 ביינאכט. מיטאגען ווערען אויף וואונש אפגעשיקט אהיים. סאלידע און שנעלע בעדינונג אהן פראצענטער. קומט און איבערצייגט אייך!

אכטונג!

פענסיאנאט „פשיגורסקי-ווינער"

איז געעפענט

גלאווגא באווא-אטוואצק, ווילע ה׳ פאסס

אין הערליכען טרוקענעם סאסנאווע וואלד. זוניגע צימערן מים בעוואנדערע איינגאנג. אויך א גרויסער שפייז-זאל מים בעקוועמע וועראנדעס. שמאק-האפטיגע בעקעסטיגונג. ראדיא-קאנצערטען, פלאושע, — מעסיגע פרייזען.

צו ערפאהרען אין לאדז ביי

ווינער, ווסכאדניא 27, אדער אין גלאווגע, פאסט-קעסטעל 58

—דאס בעקאנטע— מענער-היט-געשעפט

„SPLENDID"

11-טער ליסטאפאד 31 לאבסטאנטינבער

עמפפעהלט צום איצטיגן פריהלינג-און זומער=צייט דעם רייכסטען אויסוואהל פון

מענער=היטען

פון די נייעסטע פאסאנען פון אין- און אויסלענדישע פירמען

ספארט-היטלעך

די פרייזען זענען צוליב׳ן קריזיס בעדייטענד פערקלענערט.

בעמערקונג: מיר בעזיצען א גרויסען אויסוואהל פון עלעגאנטסטע

קוראטאריום פון די שולן און קינדערהיימען א. נ. פון וול. מעדעם אין לאדז

שבת, דעם 13 יוני ה. י. 2 נ.מ. קומט פאר אין פארק „העלענאוו"

א גראנדיעזע

גארטען-פערוויילונג

לטובת די שולען און קינדערהיימען ביי דעם מעדעם-קוראטאריום

אינהאלטסרייכער פראגראם! נאך נישט געזעהענע אטראקציעס! אריגינעלע קינדער-פערוויילונג, געניערס קומט! – בילעטען צום פרייז פון 1 זל. פאר קינדער—50 גר. שוין צו בעקומען אין די שולען (שרודמיעסקא 18 און זגערזשער 42) און אין די קינדערהיימען (לאגעווניצקא 25 און סוואלסקא 11).

Bar Automat „SPLENDID"

Łódź, Piotrkowska 63. Tel. 139-66

poleca Sz. Publiczności ZIMNE POTRAWY, NAPOJE CHŁODZĄCE, WINA, PIWO i ZAKĄSKI NAJPRZEDNIEJSZEJ JAKOŚCI po cenach bardzo niskich.

Wysyła się zimne potrawy na uroczystości do domów bez zwyżki cen.

KOSZERNE PARÓWKI FIRMY DYSZKIN.

דאס בעוואוסטע ארטאדאקסישע מוסטער-חדר

„יסודי התורה הראשון"

שע״י „אגודת שלומי אמוני ישראל"

פאלודניאווא 11, טעל. 191-83

וועלכעס עקזיסטירט פון שנת תרצ״ח און האט שוין מצמיד געווען תלמידים גרויסע תלמידי חכמים און בעלי הוראות למאות (בלי ע״ה) און איז פערזעהן מיט די בעסטע פעדאגאגישע קרעפטען, הן בלמודי-קודש, והן בלמודי-חול, איז דערמיט מודיע דאס לויט דער פעראָרדנונג פון דער שול-מאכט מוזען אלע עלטערן, וואס ווילען זייערע קינדער לאזען לערנען אין חדר צום קינפטיגען שול-יאהר 1931|32 (ד. ה. פון ר״ח אלול הבע״ל) אייגענהענדיג אונטערשרייבען וועגען דעם א דעקלאראציע אין דער שול-אינספעקציע ביז ד. 30 מאי.

דעקלאראציעס ווערען אויסגעפיהרט אין קאנצעלאריע פון חדר טעגליך פון 11 – 12 בייטאג און פון 5 – 7 נאכמיטאג. **די לייטונג.**

בעמערקונג: צוליב דעם גרויסען אנבאט פון פיל נייע תלמידים אנגענומען צו ווערען, מוזען די ביז-איצטיגע תלמידים זאפארט זיך אויפסניי דעקלארירען אהן פערשפעטיגונג, דען זייערע פלעצער וועלען בעזעצט ווערען דורך נייע תלמידים און עס וועט נישט מעהן צו ענדערן, ווייל די פלעצער זענען זעהר בעגרעניצט. וכל הקודם זכה.

איבערצוגעבען

א גרויס צימער אויף מאנאטליך ס׳קען אויך זיין א ווערקשטעל פלטשאט 5 ביי ראזענגארטען

לינקס 1 איינג. 1 שטאק.

ייך כשר

א פלאש פון א ¼ ליטער ראזינען=ווייך № 7

נאר 65 גראשען

א באמשינכע דעם זעלבן נומער 1,50 זל. ● א קווארט 2 זל.

צו דער בעקוועמליכקייט פון ג׳ פובליקום בעקומט מען אויך דעם

ווייך „פראגרעס" № 7

ביי ה. בלאנקעט, גלובנא 69

מיט אכטונג

ווייז= און מעהד=פאבריק פירמע „פראגרעס" אלטער מארק 2, טעל 184-82

בעמערקונג: ביי אונז בעקומט מען רויט-וויין פריי פון צוקער.

„סיֹלא"

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, דאס אונזער לאקאל איז איבערגעטראגען געווארען פון זל. מאי 19

אויף פיעטרקאווער 6 אין הויף טעל. 143-87

גלייכצייטיג טיילען מיר מיט, אז מיר האבען אויף לאגער א שעהנעם אויסוואהל פון קרופאנס קארקעס, באקעס בראנדזוילען א. ז. ו.

מעסיגע פרייזען מיט אכטונג

Fabryczny skład skór „SIŁA"
Łódź, ul. Piotrkowska 6.
telefon 143-87

פאר מאגענלידענדע

ראבארבער-וויין

איז פרימא קוואליטעט צו בעקומען אין ווייגהאנדלונג פון

E. SZYKIER

PÓŁNOCNA 1, tel. 107-84

צו דער לאדזער בעפעלקערונג!

צוליב דעם, וואס מאנכע שענקערס פערקויפען צו 15 גר. א גלעזל ביר מאך איך בעקאנט, אלע מיינע ג׳ געסט, אז פאר 15 גר. ווערט פערקויפט נאר א קליין גלעזל ביירישע ביר. ביי מיר וועט איהר בעקומען פון היינטיגען טאג אן נאר אנשטאטס, פילזנער

ביר, 0.20 פאר 15 גר. און א 0.25 פאר 20 גר.

בעמערקונג: איך גיב אויף פאלגענדע פרייזען אויף ביר:

1 פאס פילזנער ביר 7 זל.
1 פאס אקאטשימער 7,50 זל.
1 „ ביירישע ביר 6 זל.
1 פלאש ביר 40 גר.

גיט אכטונג אויף דעם שפינר פון פאס, ווייל אויפ׳ן אמת׳ן פילזנער ביר איז אויסגעברענט J. W. מיט אכטונג

א. מ. סאוויצקי רעסטאראן-אינהאבער, בזשעזשינער 21

CIECHOCINEK

וולאצלאווסקא=גאס „Wiktorja" ווילא

Dr. med. W. Łaski

אינערליכע און קינדער=קראנקהייטען

נעמט אן פון 1-טען יוני, 1931

„הזמיר" אל. קאשטשושקי 21

שבת, 30 מאי, 8.30 אווענד

קאנצערט

אונטער דער לייטונג פון דיר. ה׳ ה. יאבלאן

עס בעטייליגען זיך דער כאר, ארקעסטער, און די סאליסטען, פר. א. לעווסאוויץ, ע. ראבע, בארדיני, גאלדמיץ, עפשטיין, העכט, ברידער, גרינוואלד, שארפשטיין, א. א. אין פראגראם: שאפונגען פון הענדעל, זילבערק, מענדעלזאהן, היידען, וויכטעל, ענגעל קאפלאוויטש, ניעוויאדאמסקי, דווארזאק טארטיני א. א. בילעטען צום פרייז פון 1 זל. ביז 2 זל. צו בעקומען אין לאקאל פון „הזמיר".

די ליי טונג
פון ערשטן אטאדאקסישן עהר=אנשטאלט
„דרכי=נעם"
פון גרשון אלי' ליסס – אין – לאדז
ערשטער „דרכי-נעם" קיליבסקי 50, טעל. 215-26
צווייטער „דרכי-נעם" אל. 1 מאי 20, טעל. 200-43

מאכט בעקאנט, אז אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג פון דער מאכט מוזען אין משך פון חודש מאי אדורכגעפיהרט ווערען די איינשרייבונגען פון תלמידים אין אונזערע

לעהר-אנשטאלטעי

וועלכע זענען, ווי בעוואוסט, איינגעאָרדנט ערשטקלאַסיג אין אלע הינזיכטען. אויך ווערען שוין אָנגענומען תלמידים-אָנפענגער אין אונזערע

גן-ילדים'ס

וואָס ווערען געפיהרט דורך ספעציאַליסטען-פעדאגאָגען-ערציהער. עס ווערט יעצט אויך פערגרעסערט און פערברייטערט די

מתיבתא לתלמוד ולהוראה

עס וועט טעטיג זיין א מתיבתא א', ב' און ג' ביי דער מיטווירקונג פון בעוואוסטע בעלי-הוראה. גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אז די

8-קל. גימנאזיאל-קורסען

קאָנצעסיאָנירט דורכ'ן קוראַטאָריום ווערען יעצט פערגרעסערט. עס וועלען טעטיג זיין די קלאַסען V, IV און VI אונטער דער ליטונג פון בעקאנטע גימנאזיאל-פראָפעסאָרען. אויך מאכען מיר בעקאנט, אז דער

פענסיאָז

פאר תלמידים פון דער פרעמד ווערט רעאָרגאַניזירט און וועט זיין אין א ספעציעלען לאָקאַל אונטער דער ליטונג פון אנ'אנגאזשירטען פאכמאן - ספעציאַליסט. אויך ווערט פאר אונזערע תלמידים איינגעאָרדנט אנ'ערשטקלאסיגע

זומער - קאָלאָניע

אין א פרעכטיגער, געזונדער וואלד-געגענד, וואו די תלמידים וועלען זיך געפינען אין משך פון דער וואקאציע אונטער זאָרגפעלטיגער ערציהערישער אויפזיכט.
איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען טעגליך פון 9 – 1 פארמ. און פון 4—7 נאָכמ.
די ליטונג.

GIMNAZJUM MĘSKIE
Tow. Szerz. Oświaty wśród Żydów w Łodzi
Pomorska 46/48. Tel. 106-64.
איינשרייבונגען פון די קאַנדידאַטען נעהמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון גימנאַזיום טעגליך פון 8—1½ בייטאָג. איינטריטס-עקזאַמענס אין גאַנג ביים גימנאַזיום עקזיסטירען די קלאַסען A, B און C.
די דירעקציע.
3160

מזל-טוב
א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך מיין ווערטען פריינד
ה' מ. מילער
צו זיינע תנאים מיט
פרל. גערשענאָוויטש
זאָל אייער לעבענס-וועג מיט בלומען בעצירט זיין.
ל. אָפאָטאָווסקי.
3165

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער
ה' בנימין קאַגוט
מיט פרל. מאניא ערליכמאַן
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב, זאָל אייער לעבענס וועג מיט בלומען בעצירט זיין.
געברידער קאגוט.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען פריינד
ה' יעקב ווייסבראַט
מיט פרל. בעלא וורזשאנסקא
ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.
אברהם יעקב ראַגאָזשינסקי און פרוי,
משה פלאָוונער,
לוזער פערלמוטער און פרוי.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער חשוב'ן פאָדסטאַרשי צו דער חתונה פון זיין זוהן
יעקב ווייסבראַט
מיט פרל. בעלא וורזשאנסקא
מיר ווינשען אויך דעם יונגען פאָר א לאַנג יעהריג צופרידען צוזאמענלעבען
די פערוואלטונג פון טישלער, שניצער און דרעקסלער-צעך פאַלודניאָווע 4.

Z intencji zaręczyn naszje
miłej przyjaciółki p.
Heli Konówny
z p. **Ceśkiem Rajsem**
życzymy Jej aby nić wzajemnej
sympatji się wiecznie snuła.
Sala Silska,
Jadzia Zelewiczówna
Hela Zandówna

צו דער פערלאָבונג פון
פרל. בעלאַ גערשענאָוויטש
מיט ה' מאַניעק מילער
ווינשט א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
ישעי' ראַזענצווייג און פרוי.

מאשינען-לעכער
ווערדן אָנגענומען אויסצונייען ביי
ג. נארדמאַן, שרודמיעסקא 8

די הנהלה פון די 7-קלאַסיגע שולען
קאצענעלזאָן=נהומאב
איז מודיע דאָס פון נייעם שול-יאָהר אי,ד.ה. פון 1/9 1931 (י"ט אלול) ווערען די שולען רעאָרגאַניזירט.

7-קלאַסיגע שולע אויף דער נאַד-לודקא 8. טעלעפאָן 177-01
(צווישען נאָוואָמיעסקאַ און זאַכאָדניאַ)
ווירד געענדערט אויף א
מענער=שולע
און נעמט אַן אין אלע קלאַסען (אָרז.) נור אינגלעך פון 5½ ביז 15 יאָהר

7=קלאַסיגע שולע אויף דער פאָמאָרסקאַ 20. טעלעפאָן 183-40
ס'הערען אין דעם פאַרטערעסערטען לאָקאַל נעמענט די קלאַסען
A. B. C. I. II. III. IV.
(אָרדיואַלען 1 ביזן VII)
פיר קנאבען און מעדכען
אין שול צוואַנג-עלטער פון 7—15 יאָהר

פאר די אינגלעך פון אָרטאָדאָקסישע עלטערן עגזיסטירט
א רעליגיעזער=חדר
וואו ס'ווירד געלערנט דורך די בעסטע מלמדים גרינדליך
חומש, רש"י, פסוק, גמרא ותוספות
אין חדר ווערען אָנגענומען אינגלעך פון 4 ביז 15 יאָהר.

א ספעציעלער פאָרבערייטונגס - קלאַס פיר ענטוויקעלטע קינדער פון 5½ ביז 7 יאָהר

ביי דער שולע עגז. א מוסטערהאַפטע
פרעבעל-שולע (שפיל-שולע) פיר קינדער אָהן אונטערשייד פון ענטוויקלונג פון 3½ ביז 7 יאָהר
די פרעבעל-שולע ווירד געפיהרט אין דער
פוילישער אונטעררייכטס-שפראַך
לויטן סיסטעם פון פראָבעל. מאָנטעסאָרי מיט מוזיק און ריטמיק.

אין די פרעבעל-שולע (שפיל-שולע) און אין ערשטען אָרדינאַל קענען אויך אויפג. ווערען מיידלעך פון 3—7 יאָהר

פיר פיזיש שוואַכע קינדער ווי אויך פיר אונבעמיטעלטע עגזיסטירט א נאכמיטאג-שולע ביז 50% בילינער. נאכמיטאג פרעבעל-שולע.

ווייכטיגע בעמערקונג!
1) די 7-קלאַסיגע שולע און רעליגיעזער חדר אויף דער נאַם נאַד-לודקא 8 (ביי נאָוואָמיעסקאַ) איז די נעהאָוגשענע אנשטאַלט פיר די עלטערן, וועלכע בלאָנדזשען צווישען צוויי וועלטען און זוכען צו פאַרייניגען די מאָדערנע וועלטלעכע בילדונג און ערציהונג מיט'ן אידישן רעליגיעזען חדר ד.ה. למודי קודש מיט למודי חול.
2) אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג פון די מאכט, מוזען קינדער פון 7 ביז 15 יאָהר, וועלכע ווילען יוצא זיין דעם שול-צוואַנג אָנגעשריבען ווערען אין משך פון דעם הודש אין די קאנצעלאַריע פון אונזערע שולען:
א) אין דער קאָעדוקציאָנס-שולע (פאר אינגלעך און מיידלעך) אויף פאָמאָרסקאַ 20 (5—7 נאָכמיטאָג). ב) אָדער אין דער מענער-שולע (נור פיר אינגלעך) אויף נאַד-לודקא 8 (פון 11 2 פארמיטאג).

דער בעוואוסטער
BAR ALA FOURCHETTE באַר
פיעטרקאָווער 62
ברויכט שוין נישט קיין רעקלאמעס די שפייזען אזוי ווי מאלטע און וואַרימע. אום צופרידענצושטעלען דאָס ג' פובליקום האָב איך געפונען פאַר נויטיג צו בעזייטיגען אלע שוועריגקייטען, זאָגאַר צו ברענגען א ספעציעלען קוכאַרזש=מייסטער פון וואַרשא און פון היינטיגען טאָג אָנגעהויבען ארויסצוגעבען מיטאגעז פון 3 שפייזען צו 1.70 און פון 4 שפייזען צו 2.50 געבעקס פריי
מיט אכטונג ח. בערנהיים, פיעטרקאָווער 62, טעל. 183-64
בעמערקונג: 1) די סוך שטייט אונטער מיין אייגענעם אויפזיכט
2) שבת און יום טוב איז געשלאָסען.

Gimnazjum Żeńskie
JÓZEFA ABA
w Łodzi, Zielona 10, tel. 122-12
אָנמעלדונגען פון נייע קאַנדידאַטקעס נעהמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון גימנאַזיום טעגליך פון 10—13 בייטאָג
Dyrektor J. Ab

פעסטשטעלונג
דערמיט שטעלען מיר פעסט, אז דער אינצידענט צווישען אונז און דעם ה' יונה קויפמאַן
איז דערלעדיגט געוואָרען און מעהר האָבען מיר צו איהם קיין שום פרעטענזיעס נישט.
סעלבער-אַרבייטער-סעקציע ביי פליישער - אַרבייטער-פעראיין אין לאָדזש
בושעשינער 5

ס'ווערט געזוכט
גוטע קוואַליפיצירטע שייטעל-אַרבייטערינס און גלייכצייטיג שרינדען-אַרבייטערינס פאריזער. באַלד זיך צו מעלדען ביי פרוי קאַנטאר ציגעלנאַס 17 ביי פיליכאָווסקי.

Doktór KLINGER
ספעציאַל-ארצט פאר ווענערישע, הויט- און האָר=קראַנקהייטען
ANDRZEJA 2, tel. 132-28
נעהמט אָן פון 9—11 פריה און פון 5—8 אָוענד און פון 1—2 נ"מ אין דער „לעטשניצע פעטריקאָווער 62"

צאהן=ארצט
ד. זילבערמאַן
בזשעזשינער 10 2-טער שטאָק, פראָנט
נעמט אָן פון 9—1 בייטאָג און פון 3—8 אָוענד
היילט מונד-קראַנקהייטען, פלאָמבירט און שטעלט אריין קינסטליכע ציינער. צאהן-ציהען אָהן שמערצען

(pielęgniarka) א פלעגערין
בעמט אן דיזשורען ביי קראַנקע
איינשפריצונגען, מאַסאַזשען א. ד. גל.
:: צו מעסיגע פרייזען ::
פלאַץ-וואָלנאַשטשי 10 וו. 8

דייד - וועבעריי אין צענטרום שטאָט
וואָס בעזיצט זעמטליכע פאַרבערייטונגס-מאַשינען זאַווי וועב = שטיהלען פון נייעסטען סיסטעם
בעמט אז לוין=אַרבייט
אָפערטען אונטער „לוין" אין אַנאָנסען-ביוראָ פוקס, פיעטרקאָווער 50

ווייכטיג נייעס!
פערקויף
פון פערשידענע בוימוואָלענע רעשטלעך פאַפעלין, באַטיסט, לייוועגד, מושלין, נאַנסוק א. אז. וו. אויף מעטער און אויף וואָג צו קאָנקורענץ-פרייזען
מ. לאנדסבערג
צעגעלניאַנאַ 23 (פריהער 59)
פראָנט, 1. שט. געדענקט דעם אדרעס!

Dr.
E. GUTMAN
ספעצ. קינדער=קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
נאַרוטאָוויטשאַ 9 טעל. 173-00
נעמט אָן פון 1—230
ווישניאָוואַ=גוראַ (ווילע Cyka) 4—7 נאָכמ.

מאַשין=מצות
ווערט געבאַקען אלע טאָג פרישע און דינע ווי אויך מצה=מעהל. אייער=פערפעל און סוכאַרקעס לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם
מיר עמפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאַנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראַל בעוואוסטער צוקערביע
נ. ווייגבערג
38 פיעטריקאָווער 38
:–: טעלעפאָן 82=143. :–:
אכטונג! עס ווערען אויך ארויסגעגעבען פריהשטיקען, אָווענד-ברויטען, ווי אויך יאַרסקע מיטאָגען

Dr. Z. RAKOWSKI
פאר אויערן-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטען
9 קאָנסטאַנטינער 9 טעלעפאָן 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 — 11 און פון 3—5

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE
Eug. Jaszuńskiej-Zeligmanowej
POŁUDNIOWA 18, tel .168-82.
איינשרייבונגען פון נייע שילערינס אין אלע קלאַסען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט טעגליך פון 10—1 און פון 5—7 נאָכמ. אין די קלאַסען A און B ווערען אָנגענומען אויך יונגלעך. ביים גימנאַזיום א פאָרשולע „Dom Milusińskich" פאר קינדער ביז 4 יאָהר.
איינטריטס-עקזאַמענס הויבען זיך אָן דעם 9. יוני ד. י.
Dyrektorka Gimnazjum E. Jaszuńskiej-Zeligmanowej

בעקאנטמאכונג.

די צייטווייליגע פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה אין לאדז

איז דערמיט מודיע אויפ׳ן סמך פון פאר. 61 פון דער פעראָרדנונג פון מיניסטער פאר אמונות און עפענטליכער בילדונג פון 24 אקטאבער 1930 י. (געז. טאג-בוך 75/30) בנוגע דעם וואהל-רעגולאמין צו וועהלען די ארגאנען פון די יודישע קהלות, אז די רעזולטאטען פון די דורכגעפיהרטע דעם 27 מאי ה. י. וואהלען צום קהלה-ראט אין לאדז זענען פאלגענדע:

פון דער ליסטע נומער 6 יוסף וויצמאן, אדוואקאט
פון דער ליסטע נומער 8 פיאטר כארי, סוחר
פון דער ליסטע נומער 10 הלל אָדער יוליוש לעווענשטיין, ראטמאן פון דער האנדעלס-קאמער, סוחר.
פון דער ליסטע נומער 12 חיים מרדכי רומקאווסקי אגענט, אליהו יאעל לאוניק פון מאגיסטראט, משה לימאו זשורנאליסט, שמואל פאוסט אינדוסטריעלער.
פון דער ליסטע נומער 13 משה בענדעל סוחר.

פון דער ליסטע נומער 16 שלמה בודזינער פרעזעס פון פּקצ.-געז.
פון דער ליסטע נומער 18 יעקב לייב מינצבערג אינדוסטריעלער, סיים-דעפוטאט, בונעם לעווין סוחר. ישעיהו שוויאטלאווסקי אינדוסטריעלער, שלום ביאלער סוחר, יעקב זיידענוואורם אינדוסטריעלער, משה צעדערבוים אינדוסטריעלער. דוד שטאהל סוחר, פישל ליבערמאן אינדוסטריעלער, אברהם לייזער פליוואצקי סוחר, אברהם סאץ סוחר, הערש מרדכי ליבערמאן סוחר, יוסף פארבשטיין סוחר.
פון דער ליסטע נומער 24 דוד הערש זילבערשטיין פערוואלטער.
פון דער ליסטע נומער 26 מרדכי מענדעל זאמערפעלד.
פון דער ליסטע נומער 29 שמחה בונעם אובערבוים אהן בעשעפטיגונג, בנימין רום הויז-מיטאינהאבער.

לאדז, דעם 28 מאי 1931

צייטווייליגע פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה אין לאדז.

אכטונג!

די פירמע

מענדיל בארנשטיין

30 נאוואמיעסקא 30

מאכט בעקאנט, אז אוננאפהענגיג פון דעם דורכגעפיהרטען בוי-רעמאנט ווערט דער

פערקויף

— פון —

ויין, בראנפען און ליקער

ווייטער אהן שטערונג פאָרטגעזעצט

איינגאנג פאָרלויפיג דורכ׳ן הויף

30 נאוואמיעסקא 30

1-טע איינקויפס-קוועלע

רעפרעזענטאנץ אויף לאָדז

OPON MICHELIN
OPON GOOD YEAR

ווי אויך דער הויפט-פערקויף פון זעמטליכע בעקאנטע אפּאָנעס

DUNLOP - FISK - PIRELLI

פערקויף אויף לאָדז פון די אָריגינעלע טויש-טיילען

CHEVROLET

הורט-לאגער פון אויטאָ-טיילען:

CHEVROLET	FIAT	FORD
CITROEN	ESSEX	RENAULT

די ביליגסטע פרייזען אין פוילען!

„BERSON" ŁÓDŹ, M. ROZENTAL i Ch. TENENBLUM

Narutowicza 16, tel. 128-30.

זאל יעדער וויסען!

אז אין מיין

מעבעל-געשעפט

קומט מען מעבעל ענגעלע און קאמפלעטען צו קאָנקורענץ-פרייזען ביליגער ווי איבעראל! און מיר טוישען אויס אלט מעבעל אויף נייע צו צוגענגליכע פרייזען.

וואולטשאנסקא 11

וויינגאלד און וויינבלום.

געדענקט דעם אדרעס! קומט איבערצייגט אייך!

א בשורה טובה

דינסטאג, ד. 26 מאי איז ווידער טעטיג געוואָרן דראיבערג-עוואוסטער

ווידערשאלס פענסיאנאט

אטוואצק

Plinlecka 5, willa DĘBOWICZA

אין א גמערבוטע היגיענישע קאמפארטאָבלע געביידע מיט פעלעפאָן, באדע-צימער, צענטראל - היצונג, עלעקטריע א.ד.ג. גרויסע זוניגע צימער און א גרויס וואלד. ס׳ווערן אנגענומען צוקער און סקלעראָזע-ליידענדע מיט שטרענגע דיעטישע באהאנדלונג לויט ערצטליכע פארשריפטען.

געוועזענער מיליטער-באאמטער

ב. מאָז

№ 10 פיעטריקאווער

שרייבט ביטעס און גיט געוויסענהאפטע עצות אין אלע

מיליטער-ענינים.

גענעז שוויים פון פיס

אין אַ דמשיסקעס נוצט נאָר דעם שוין 20 יאָהר בעוואוסטען פראָשעק און פלאסטער „ראדיקאל" פרייז נור 30 גראָשען. נוצט נישט קיין אנדערע שעדליכע נאכמאכונגען, וועלכע ברענגען קיין נוצען און שאדען די פיס און נוצט נאָר מיט מיין שטעמפעל. אויך א גוט מיטעל צו וואנצען און שווארצע ווערים פרייז 50 גראָשען, אויך פליי „ראדיקאל" וואשט אפּ שמוץ און פלעקען פון אלע קאָלירטע שיך פרייז 70 גר. א פלעשעל

צו בעקומען ביים צייטונגס-פערקויפער

וועלביאָרזש, אַלטשטאדט 1

פאָדערט נאָר מיט מיין שטעמפעל.

MORTIN

פירמאַ

א איבעראל בעקאנט מיטעל אויסצוראָטען ווערים אין אַ בלעכערנער שאכטעל מיט אַ „ראזפילניק".

פעראייניגונג פון פראַקטישקייט מיט אַ זיכערער ווירקזאַמקייט!!!

מארטין ראט אויס

קאראלוכן, וואנצן, פליגן, מאלן, פליי א.ז.וו.

האט אַן׳אנגענעהמען גראַמאט און איז אבסאָלוט אונשעדליך פאַר׳ן מענשליכען געזונד

פרייז פון א בלעכערנער שאכטעל 1.20 זל.

Dr. Różaner

ספעציאליסט פון הויט און ווענערישע קראנקהייטען און קינדערלאָזיגקייט

נארוטאוויטשא 9, טעלעפאָן 128-98

נעמט אָן פון 8–10; 5–8 אָוונד

א סוויטער-געזעלע

מיט אַ 10-ער מאשין ווערט געזוכט

אויף נאוואָרזסקא 12, וואוינונג 18.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 29 יג סיון תרצ"א

מאי
זון-אויפגאנג 3.27
זון-אונטערגאנג 7.40
ליכט-צינדען: 7,25

א נייעס: קיין געלד איז נישטא!
איז ביטער מיט די סעזאן- און קאנאליזאציע-ארבייטען

(2) נעכטען האט דער וויצע-פרעזידענט ראַפּאַלסקי אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון קאנאליזאַציע- און סעזאָן-אַרבייטער

שוין אין אָנהויב האָט דער וויצע-פרעזידענט ערקלערט, אַז ער קומט איצט פון וואַרשאָ, וואו ער האָט אַ חוץ פערשידענע ענינים אין קאָמוניקאַציע מיניסטעריום אינטערווענירט וועגן בעקומען אַ גרעסערע סומע אויף די סעזאָן-אַרבייטען און קודם-כל אויף צו פיהרען די קאנאליזאַציע-אַרבייטען. די אַלע קאָנפערענצען האָבען צו קיין שום "עזוּל-טאַט נישט געבראַכט. די רעגירונגס-פאַקטאָרען האָבען בפירוש געגעבען צו פערשטעהן די פאָרשטעהער פון לאָדזער מאַגיסטראַט, אַז ביים בעסטען ווילען, וועלען זיי נישט קענען אויסהעלפען לאָדז מחמת דער פשוטער סיבה — מאַנגעל אין געלד. צוליב דעם איז דער לאָדזער מאַגיסטראַט געצוואונגען צו פיהרען די אַרבייטען מיט די אייגענע כוחות און דאָס שאַפט זעהר טרויעריגע אויסזיכטען אויף דעם פערנעהם פון דער אַרבייט. און אויף דער בעשעפטיגונג פון די אַרבייטער.

קודם כל, האָט דער וויצע-פרעזידענט דערקלערט, וועלען צום מערסטען ליידען די קאנאליזאַציע-אַרבייטען, ווייל חוץ דעם לוין, וואָס שליגט איין פופציג פראָצענט פון דער אַלגעמיין-פרעלי-מינירטער סומע אויף די קאַנאַליזאַציע-אַרבייטען, מוז דער מאַגיסטראַט האָבען אין זינען אַז ער בע-זיצט נישט קיין שום מאַטעריאַלען אויף צו פיהרען די אַרבייטען, און פונדעסטוועגען וועלען די אַרבייטען געפיהרט ווערען. אין דער ערשטער ריי וועלען פאַר די קאַנאַליזאַציע-אַרבייטען בענוצט ווערען די געלדער, וואָס קומען פון דער הלוואה אין ז.אַו.פ.אַו. אין דער הויך פון 1.250.000 זל. די ערשטע ראַטע פון דער דאָזיגער סומע 400.000 זל וועט איינפליסען אַרום דעם 15 יוני און דאַן וועלען זיך אָנהויבען די קאַנאַליזאַציע-אַרבייטען.

ווייטער האָט דער וויצע-פרעזידענט אָנגעוויזען אַז צוליב די אויבענגעבראַכטע סיבות, וועלען די אַרבייטען נישט קענען געפיהרט ווערען אויפ'ן גרויסען אופן — אַלענפאַלס אין אַ סך קלענערען ווי פאַראַיאָהרען; אויב פאַראַיאָהרען האָבען געאַרבייט 1600 מאַן, וועלען הייי-יאָהר זיין בעשעפטיגט 500 — אין בעסטען פאַל.

קונסט-אויסארבייטונגען
פון „בצלאל", ירושלים

היסטאָרישע בילדער, בראָנז און זילבער עקזעמפּלאַרען, אַלע אַרט ביכער-אויסגאַבען איז צו בעקומען אין
ארץ-ישראל באזאר צעגעלניאַנאַ 10
פּראַנט, ערשטער שטאָק

סימן פערצווייפלונג
ארבייטסלאזע ארבייטער נישט געבעטענערהייד

(א) נעכטען האָבען זיך עטליכע צעהנדליג אַרבייטלאָזע, וואָס גייען אויס פאַר בויט און הונגער מיט זייערע משפחות, געלאָזט אַרבייטען אין רודאַ-פּאַביאַניצ, אויף די דאָרטיגע שטאָטישע פּלאַנטאַציעס.

מחמת דער מאַגיסטראַט דיספּאָנירט נישט מיט קיין געלד צו בעשעפטיגען אַזאַ צאָהל אַרבייטסלאָזע, און יענע וואָלטען דאָך געפאָדערט לוין פאַר דעם טאָג-אַרבייט, האָט זיך טאַקע דער מאַגיסטראַט געווענדעט נאָך הילף צו דער פאָליציי, וועלכע האָט די דעמאָנסטראַטיווע אַרבייט איבערגעריסען, אַ גאַנצען טאָג האָבען פאָליציי-פּאַטרולען אַכטונג געגעבען, נישט צוצולאָזענדיג צו דער מאַניפעסטאַציע-אַרבייט.

פאלשע 10-זלאטע באנקנאטען
סענסאציאנעלע ענטדעקונג פון דער לאדזער פאליציי

(פ) אין משך פון די לעצטע טעג האָבען זיך בעוויזען אין פערקעהר פאַלשע 10 און 20 זל. באַנקנאָטען. ווי ס'איז געלונגען פעסטצושטעלען איז די פאַלשע צוואַנציגער לייכט צו דערקענען. דערפאַר אָבער זענען די 10-נער זלאָטעס אַזוי געשיקט נאָכגעמאַכט אַז זיי זעהען אַפילו אויס „אמת'ער" פון די ריכטיגע צעהנער. דאָס איינציגע וואָס פערראַט זיי, איז די נישט-גענויע וואַסער-צייכנונג, און דעריבער טאַקע רעקאָמענדירט זיך אַ בעזונדער פאָרזיכטיגקייט ביים נעהמען די צעהנערלעך.

די אויסערגעוועהנליך - פּרעציזע פעלשונג ברענגט אויף דעם רעיון אַז די מלאכה שטאַמט נישט פון פּריוואַטע געלד-פעלשער, נאָר אַז די זענען אויסגעפיהרט געוואָרען אין אַ געלד-דרוקעריי פון אַ שכנישער מלוכה. די פאָליציי מאַכט דעריבער די ענערגישע אָנשטרענגונגען צו דערגיין אויף וואָס פאַר אַן אופן דאָס פאַלשע געלד קומט קיין לאָדז.

די לאדזער באהן-ענינים
ערלעדיגט אויף א קאנפערענץ אין קאמוניקאציע-מיניסטעריום

(2) אין רעזולטאַט פון אַ גאַנצער ריי מעמאָריאַלען, איז אין קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ געווידמעט די בעדערפענישען פון לאָדז, אין באַהן-ענינים. דער עיקר האָט זיך געהאַנדעלט וועגן איבערוויייזען דער שטאָט די שטחים, וואָס געהערען צו דער באַהן און געפינען זיך אין מיטען שטאָט, אנשטאָט די שטחים, וואָס זענען איבערגעגעבען געוואָרען דער באַהן-מנהלה אויף ווידזעווער פּאַלעשיע, ווי אויך די פראַגע פון בויען אַ רייהע באַהן-וויאַדוקטען.

נאָך אַ לענגערער בעראַטונג און אַ זעהר לעבהאַפטער דיסקוסיע, זענען אָנגענומען געוואָרען בעשלוסען, וואָס וועלען האָבען אַ גרויסע בעדייטונג פאַר לאָדז. צ. אַ. וועט דאָס באַהן-מיניסטעריום אַרונטערנעהמען אויף אייגענע רעכענונג דעם באַהן-אַנשיט און די בריק אויף קילינסקא גאַס.

אנפיהרער פון בלאטע יאטען
איז צוהורג'ט געווארען אויף א לייטישען אופ'ן

